**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער ביל צו באשיצן די רעכטן פון פרילענס ארבייטער**

***ביל S.5026/A.6040 פירט איין דעם "פרילענס איז נישט פריי פון אפצאל" אקט, איינפירנדיג באצאלונג באשיצונגען פאר פרילענס ארבייטער***

גאווערנער קעטי האקול האט אונטערגעשריבן ביל S.5026/A.6040, גערופן דעם "פרילענס איז נישט פריי פון אפצאל" (Freelance Isn't Free) אקט, וואס פירט איין באשיצונגען, רעכטן און די געלעגנהייטן צו אונטערנעמען לעגאלע שריט פאר פרילענס ארבייטער וועלכע באקומען נישט באצאלט פאר זייערע סערוויסעס.

"עס קומט זיך פאר יעדער איינציגער ניו יארקער צו באהאנדלט ווערן מיט די כבוד און רעספעקט ביי די ארבעטספלאץ, צי זיי זענען א פול-טיים, פאַרט-טיים אדער פרילענס ארבעטער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אזוי ווי פרילענס ארבעט ווערט מער און מער פארשפרייט, דארפן מיר געזעצן וואס גיבן שטארקע באשיצונג מאסנאמען צו זיכער מאכן אז די מענטשן ווערן באצאלט יושר'דיגערהייט פאר די ארבעט וואס זיי האבן געטוהן. דער נייער געזעץ איז א גרויסע טריט פאראויס פאר די קריטישע סעקטאר פון אונזער ארבעטסקראפט."

ביל S.5026/A.6040 פירט איין באשיצונג מאסנאמען פאר פרילענסערס אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט, ארויפבויענדיג אויף NYC'ס 'פרילענס איז נישט פריי פון אפצאל' געזעץ, דורכן צולייגן איבערזיכט און אינפארסירונג פון די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל'ס אפיס. דער געזעץ וועט באשיצן פרילענסערס דורכן אוועקשטעלן א רעכט צו מאכן א געשריבענע קאנטראקט מיט געוויסע תנאים, צו באקומען צייטליכע און פולע באצאלונג און צו באשיצט ווערן פון נקמה און דיסקרימינאציע פארן אויסנוצן די רעכטן. די אטוירני דזשענעראל קען אונטערנעמען שריט צו באקומען געלטער, אריינרעכנענדיג שאדנס און ציווילע קנסות, אין נאמען פון באטראפענע פרילענס ארבייטער. פרילענס ארבייטער וועלן אויך האבן די רעכט צו אריינגעבן פריוואטע קלאגעס צו באשיצן זייערע רעכטן אונטער דעם נייעם געזעץ.

די אויסגעברייטערטע רעכטן און באשיצונג מאסנאמען וועלן ארויפגיין אויף געדעקטע פרילענסערס וואס ווערן באצאלט צום וויניגסטנס $800 פאר זייערע סערוויסעס. די לעיבאר דעפארטמענט וועט ארויפלייגן דוגמאות פון קאנטראקטן אויף איר וועבזייטל מיט וואס פרילענסערס און פאר די וואס נעמען זיי אויף פאר ארבעט קענען זיך באנוצן מיט תנאים וואס פאלגן אויס דעם נייעם געזעץ.

**סטעיט סענאטאר ענדרו גונאַרדעס האט געזאגט,** "צי עס זענען אונזערע קאנטראקטאר עלעקטרישענס אדער הויז ארבייטער אדער אונזערע פרילענס זשורנאליסטן — עס קומט זיך פאר אלע ארבייטער אריבער ניו יארק צו האבן פולשטענדיגע, קלארע און אינפארסירטע לעיבאר באשיצונגען. דאס איז די סיבה פארוואס איך האב געשריבן מיין ביל, 'פרילענס איז נישט פריי פון אפצאל' און פארוואס איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן עס אריינשרייבן אין געזעץ. הייַנט מאכן מיר דאס קלאר אז מיר וועלן

נישט לאזן ארבייטער ארומגעשטופט ווערן אדער אוועקגענומען ווערן זייערע רעכטן — נישט אין ברוקלין, נישט אין באפעלאו און נישט אין סיי וועלכע פלאץ אריבער ניו יארק."

**אסעמבלי מיטגליד הערי ב. בראנסאן האט געזאגט,** "די פרילענסינג סעקטאר איז א גרויסע חלק פון אונזער עקאנאמיע. פרילענסערס ארבעטן גאר שווער יעדן טאג, און בעפאר די ביל האבן זיי געהאט גאר ווייניג באשיצונג מאסנאמען אין פאל וואס א קליענט האט זיי נישט באצאלט פאר זייער ארבעט. די ביל ברענגט אן ענדע צו די אביוז דורכן פארלאנגען א געשריבענע קאנטראקט מיט סעיפים איבער די באצאלונג. עס גיבט אויך די מעגליכקייט צו אונטערנעמען פראצעדורן צו ארויסבאקומען דאס געלט דורך די רעכט צו אריינגעבן פריוואטע קלאגעס אדער צו גיין דורך די אטורני דזשענעראל'ס אפיס, אויב דער קליענט פאלגט נישט אויס די קאנטראקט. מיטן אריינשרייבן די ביל אין געזעץ, פארזיכערט גאווערנער האקול צייטליכע באצאלונגען פאר פרילענסערס כדי זיי זאלן קענען ברענגען פרנסה פאר זיך און זייערע פאמיליעס — א דאנק אייך, גאווערנער האקול. דורך די ביל, זאגט די סטעיט פאר אלע פרילענסערס: איר און אייער ארבעט זענען געשעצט. א דאנק אויך פאר סענאטאר גוּנאַרדעס און אזוי אויך פאר די פרילענסערס יוניאן און אלע שתדלנים פאר אייער ארבעט אויף די שכל'דיגע צוגאנג צו ברענגען אן ענדע צו די עקאנאמישע דיסקרימינאציע קעגן פרילענסערס."

**פרילענסערס יוניאן עקזעקיוטיוו דירעקטאר, ראפאעל עספינאל, האט געזאגט,** "היינט איז א גוטער טאג צו זיין א פרילענסער אין ניו יארק סטעיט. דעם טענקסגיווינג זענען מיר דאנקבאר אז ניו יארק סטעיט פארפליכטעט זיך צו באשיצונג מאסנאמען פאר פרילענסערס אונטער דעם געזעץ. מיר האבן די פולסטע זיכערהייט אז NYS וועט שטיין אין שפיץ פון די וועג ביים האלטן בייזוויליגע פארשוינען פאראנטווארטליך און אונטערהייבן די זעלבסטשטענדיגע ארבעטסקראפט אריין צו די צוקונפט. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אריינשרייבן די ביל אין געזעץ, און פאר אונזערע קעמפער, ביל ספאנסארס סענאטאר ענדרו גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגליד הערי בראנסאן, פאר זייער איבערגעגעבנקייט ביז די דורכפירונג."

**National Writers Union (נאציאנאלע שרייבער פאראיין) פרעזידענט, לערי גאלדבעטער, האט געזאגט,** "עס קומט זיך אז יעדער ארבעטער זאל באצאלט ווערן אין צייט פאר זייער ארבעט, און דאך האבן צו ווייניג פרילענסערס צוטריט צו די פונדאמענטאלע רעכט. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן אונטערנעמען שריט צו אויסברייטערן ארבעטער באשיצונגען פאר צענדליגע טויזנטע פרילענסערס, און מיר קוקן ארויס צו ארויפבויען אויף 'פרילענס איז נישט פריי פון אפצאל' צו באקעמפן פרילענס געהאלט גניבות אין ניו יארק און אריבער דאס לאנד. מיר ווילן אויך באדאנקען סענאטאר ענדרו גוּנאַרדעס און אסעמבלי מיטגלידער הערי בראנסאן פאר זייערע יארן פון עקשנות ביים קעמפן פאר די ביל און פארן קעמפן פאר פרילענסערס וועלכע וועלן יעצט האבן פיל מער מיטלען צו אפנעמען די באצאלונג וואס קומט זיך זיי."

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov

ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן